## יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 58 | Łódź, Czwartek, 8 marca 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, כ״א אדר תרצ״ד | № 58

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# אחי-מאיר, סטאווסקי און ראזענבלאט

## זענען שולדיג אין אויספיהרען דעם מארד איבער ד״ר ארלאזאראוו

## האט ערקלערט דער ריכטער נאך דער פערענדיגטער אויספארשונג

### אפגעווארפען דעם פארשלאג פון פערטיידיגער צו בעפרייען די ארעסטירטע. — די בעשולדיגטע דראהט טויט-שטראף

יפו, 7. (יט״א טעלעגראפיש) דער פעה״ער אין ארלאזאראוו-מארד וועלכער האט געדויערט 6 חדשים איז היינט פערענדיגט געווארען. ארזאקאט סעמועל האט איבערגעגעבען א מעמאריאל אין וועלכען ער בעווייזט אז אלע דריי אנגעקלאגטע אחי מאיר, סטאווסקי און ראזענבלאט זענען אומשולדיג און מ׳דארף די בעפרייען, ווייל זיי האבען נישט קיין שייכות מיט׳ן מארד.

דער אנגעקלאגטער אחי מאיר האט געהאלטען א רעדע אין וועלכער ער האט אנגעוויזען, אז פאר-

ליטישע מארדען זענען געגען די רעוויזיאניסטישע אנשויאונגען.

נאך די הערעס האט דער ריכטער ארויסגעזאגט די ענטשיידונג, אז אלע דריי אנגעקלאגטע ווערען צוגעצויגען צו גערוכטליכער פעראנטווארטליכונג אלס בעשולדיגטע אין אויספיהרען דעם מארד איבער ארלאזאראוו׳ן. זיי ווערען אנגעקלאגט אויפ׳ן ארטיקעל 170 פון ארץ-ישראל שטראף-קאדעקס, לויט וועלכען ס׳דראהט טויט-שטראף.

דערבייג דערמיט פון דער וועלט 11 בערג-ארבייטער. עס איז תיכף אונטערגענומען געווארען א רעטונגס-אקציע.

די רעטונגס-אפטיילונגען איז געראטען שנעל צו קומען אין א קאנטאקט מיט די בעדראהטע. ווייטערדיגע פרטים פעהלען.

בערלין, 7. (ספ. טעל.) פון בויטען מעלדעט מען:

איז אוועגד אין דער רעטונגס-אפטיילונג איז דעם גרובען „צענטרום" געלונגען צו בעקומען א קאנ-בינדונג מיט איינעם פון די לעבעדיג-געבליבענע קוהלען-גרעבער. עס איז דא א האפנונג, אז עס וועט איהם געלונגען אפצוראטעווען ביז דאנערשטאג. די רעטונגס-אקציע ווערט ווייטער געפיהרט בײַ זעהר שווערע בעדינגונגען.

## קאטאסטראפע אין א קוהלען-גרוב

בערלין, 7. (ספ. טעל.) דינסטאג, דעם 6. ד. ח. איז געשעהען אין בויטען אין דעם קוהלען-גרוב „קארסטען צענטרום" א קאטאסטראפע, בעת וועלכען עס זענען איינגעפאלען צוויי וועגט, אפשער אין

## אויסנאהם-צושטאנד אין מאדריד

לאנדאן, 7 (ספ. טעל.)

לויט ווי מען איז מודיע פון מאדריד איז היינט אין אגעגד דערקלעהרט געווארען אויסנאהמס-צושטאנד.

די צאהל שטרייקענדע אין מאדריד מאכט אויס אנ׳ערך 100,000 מאן.

---

## הוי נפלה עטרת ראשנו!

בלב קרוע ומרתח אנו מודיעים על אסוננו הגדול שקרה לנו בהלקח מאתנו בשנת שבעים ושלשה לחייו, פארנו, ראש משפחתנו, איש הגביר, חסיד וישר, מצוין במדותיו ובמעלות טובות

נ״ע

# שמחה בונם ב״ר נתן משה ז״ל בערגער

ההלוי׳ למנוחת עולמים תהי׳ היום ביום ה׳ בשעה 12 בדיוק ממעונו מקאלא מויליא שלו אל בית עולמים בלאדז.

השרויים בצער עמוק **משפחתו המתאבלת.**

ויקהל פקודי כ״א אדר תרצ״ד.

---

א נייער סיסטעם ווי אזוי צו צאהלען חובות.

## צו דער עפענטליכקייט!

דערמיט מאך איך עפענטליך בעקאנט, אז ביי א געוויסן **איטשע הערש לעווקאוויטש** מיט זיין פרוי **לאשקא** (ששרודמיעסקא 52) איז מיר געקומען א גמילות חסד 30 זל. און פאר לעבענס-מיטעל-פראדוקטען 25 זל. מיט 35 גר. צוזאמען 55 זל. מיט 35 גר. נאך א יאהר צייט פון אבשלעפען מיט׳ן בעצאהלען דעם חוב, האב איך געשיקט צו דעם ה׳ לעווקאוויטש מיין עקספעדיענטקע, אבער ליידער איז די צוועק מיט גארנישט. מאנטאג, ד. 5 מערץ איז מיין פרוי אוועק צום ה׳ לעווקאוויטש מאהנען דעם חוב. דא האט דער ה׳ לעווקאוויטש אנגעהויבען זידלען מיין פרוי און זי ברוטאל צושלאגען. די פאליציי האט געמאכט א פראטאקאל און קירצליך וועט דער פראצעס פארקומען אין געריכט.

זאל די עפענטליכקייט משפט׳ן אזא מין האנדלונג.

898 מיט אכטונג **פעלא ווינמרויב**, ציגעל-גאס 4

## צו די ה״ה גנבים!

דאנערשטאג, דעם 1 מערץ האט מען פון מיין וואוינונג אין לאסק ארויסגענבעט 15 וועקסלען אויף א סומע פון צירקא 4000 זל. צווישען די וועקסלען געפינען זיך: איין וועקסעל אויף 500 זל. אויסשטעלער הערשפעלד, לאדז, זגערזשער 30, ושירא הערשקאוויטש, צאהלבאר דעם 15 מערץ ד.י. איין וועקסעל אויף 100 זל. צאהלבאר אין זדונסקא-וואלא. אויסשטעלער אונגער. די וועקסלען ווערען ערקלערט פאר אונגילטיג. די ה״ה גנבים ווערען געבעטען געגען גרויסע בעלוינונג אפצוגעבען די וועקסלען צו **הערשקאוויטש**, עלטשטאט 8 פאר **פרענקעל**. אויף דעמזעלבען ארט קען מען צוויסען טון וואו איך זאל קומען נאך די וועקסלען.

889 דיסקרעציע געזיכערט.

## כוס תנחומים

להערבצה אחים החונים הנכבדים הנקובים בשמותם ידידי :- ה״ר משה, שמחה, יעקב, דוד למשפחת קוסעוויצקי, הנני משתתף בצערם על מות

# אביהם ז״ל

המקום ינחם אתכם בתוך שארי ציון וירושלים ולא תדעו עוד מצער ת״ו.

מוקירם **פנחס הכהן הארענשטיין**

לארז, כ׳ לחודש אדר תרצ״ד.

## ענטשולדיגונג.

דערמיט ענטשולדיג איך זיך פאר-דער **פערוואלטונג פון קאנפעקציאנערען-פערבאנד**, פיעטריקאווער 10, פאר מיין אונטאקטישען ארויסטריט פון פעראיין אלס מיטגליד. גלייכצייטיג בעהט איך ענטשולדיגונג ביים ה׳ **י. בימאוויטש**, פאר די מעגליכע בעליידיגונג דורך דער פרעסע.

מיט אכטונג

# י. מארקאוויטש

מיר דריקען אויס אונזער טיפען צער צוליב׳ן טויט פון אונזער פריינד

# אינזש. באריס לעוו

פערלאג „נייער פאלקסבלאט"

נאך קורצע ליידען איז נעכטען געשטארבען אונזער חשוב׳ער און אונפערגעסליכער חבר, לאנגיעהריגער קאסירער פון שאכער-פעראיין. פאמארסקא 15

נ״ע

# ישראל יהודה פוקס

ב״ר יעקב וואלף

אין עלטער פון 57 יאהר.

צו דער לויה, וועלכע קומט פאר היינט, דאנערשטאג, ד. 8. מערץ 1934, 2 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז פילסודסקיעגא 26, ווערען אלע מיטגלידער געבעטען צו קומען אפגעבען דעם פערשטארבענעם חבר דעם לעצטען כבוד.

די פערוואלטונג פון דער שאכער-סעקציע און צענטראלע.

